# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת שמיני תשפ"ה שנה י | גליון מס' 578



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

**פנינים בעניני תפילה פון די וואכעדיגע פרשה**

### די כבוד פון עבודת ה'

**"וּמִפֶּתַח אֹהֶל מוֹעֵד לֹא תֵצְאוּ פֶּן תָּמֻתוּ כִּי שֶׁמֶן מִשְׁחַת ה' עֲלֵיכֶם וַיַּעֲשׂוּ כִּדְבַר מֹשֶׁה"** (י ז)

דער פסוק באפעלט אונז אז א כהן טאר נישט ארויסגיין פון בית המקדש ווען ער האלט אינמיטן א עבודה, און אויב ער איז עובר אויף דער איסור איז ער חייב מיתה בידי שמים (ראה רמב"ם ביאת מקדש פ"ב ה"ה). דער חינוך (מצוה קנא) ערקלערט אז די תורה האט אזוי באפוילן, ווייל ווען דער כהן לאזט אפ די עבודה אין בית המקדש און גייט ארויס אויף זיינע פריוואטע זאכן, ווייזט ער א גרינגשעצונג אין די הייליגע עבודה, ווייל מיט דעם ווייזט ער אז די וועלטליכע זאכן זענען פריער פון די עבודה.

**רבי שמשון דוד פינקוס** איז אונז מעורר אז די מצוה לערנט אונז ווי ווייט מיר דארפן מקפיד זיין אויף די כבוד פון עבודת ה' וואס מיר זענען באפוילן געווארן, און נישט מפסיק זיין אינמיטן דאווענען אדער זאגן א ברכה כדי זיך באשעפטיגן מיט פריוואטע זאכן. טראץ וואס אסאך פראבלעמען פון דאס לעבן ברענגט אונז צו נסיונות און שוועריגקייטן, דארף מען שטיין פעלזן פעסט און זיך אפרייסן פון די וועלטליכע זאכן בשעת'ן דאווענען אדער זאגן א ברכה, און מיט דעם וועט מען ארויסווייזן אז עבודת ה' איז חשובער פון יעדע זאך.

הרב פינקוס לייגט צו און דערציילט א געשיכטע אין דער ענין וואס באגייסטערט די צוהערער:

"וואו אינטערעסאנט איז די מעשה וואס איך האב געהערט אויף א ערליכן רב אין אונזערע צייטן, וואס איז געפארן פון ארץ ישראל קיין אמעריקא מיט א פליגער, אינמיטן וועג האט מען זיך אפגעשטעלט אין פאריז, און ער האט זיך דארט געשטעלט דאווענען. פלוצלינג אינמיטן דאווענען הערט ער ווי מ'רופט אויס אז אלע רייזנדע דארפן ארויפגיין אויפן עראפלאן, און כדי ער זאל נישט דערלייגן די פליגער וואלט ער געקענט זיך צואיילן און עובר זיין אויף קיין שום הלכה אין 'שלחן ערוך', און די וואס זענען געוואוינט צו פליען ווייסן ווי ווייט איז עס א שווערע נסיון, און ווי שרעקליך איז זיך צו פילן פארווארפן אין א פרעמדן פלאץ... און די רענצלעך קענען אויך פארשוואונדן ווערן... און נאך אסאך חשבונות וואס רעדן אים צו ער זאל ענדיגן דאווענען שנעלער. אבער דער רב האט זיך נישט גערירט פון זיין פלאץ, נאר פארגעזעצט שטייט זיין דאווענען ווי זיין שטייגער און האט דערלייגט די פליגער".

'תפארת שמשון'

## פתחו שערים

**די ווארט פונעם גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'**

### איין און ניינציג פסוקים

אין די חומשים וואס מיר פארמאגן איז אנגעצייכנט אין ענדע פון יעדע פרשה די צאל פון די פסוקים, דורך די 'בעלי המסורה' וואס האבן אכטונג געגעבן אויף דעם ארגיענעלן נוסח פון די תורה און די אנדערע כתבי הקודש און מיט ציילן די פסוקים און אותיות.

די פרשה פון די וואך - שמיני, איז באזונדערט מיט דעם וואס עס ענהאלט פונקט 'צ"א פסוקים' אזוי ווי די גימטריה פון אמן. עס זענען פארהאן נאך פרשיות וואס די צאל פון זייערע פסוקים איז כמעט ווי דער צאל - פרשת פקודי ציילט צוויי און ניינציג פסוקים, דאקעגן פרשת תזריע ציילט ניינציג פסוקים. אבער עס איז דא איין פרשה אין תורה וואס די צאל פון די פסוקים איז פונקט איין און ניינציג, דאס איז פרשת שמיני.

איך האב זיך אנגעשטויסן מיט דער נומער דורך וואונדערליכע אומשטענדן. דאס איז געווען ערש"ק פרשת שמיני אין יאר תשע"ד. אין יענעם טאג בין איך געקומען אין שול פרי, און איך האב זוכה געווען צום ערשטן מאל פארווירקליכן מיין לאנג ערווארטענע וואונטש - ענדיגן מעביר סדרה זיין נאך ערב שבת (אזוי ווי דער 'מגן אברהם' שרייבט אין סי' רפה ו).

ביים ענדיגן דעם לעצטן פסוק אין די פרשה, האבן מיינע אויגן זיך אנגעשטויסן אין די צאל פון די פסוקים פון די פרשה און איך בין איבערראשט געווארן צו זעהן אז זייער צאל איז פונקט ווי די גימטריה פון אמן, וואס איז אזוי נאנט צו מיין הארץ.

מער שפעטער איז מיר קלאר געווארן א באדייטנדע פריוואטע פארבינדונג צו די פרשה און צו די צאל פון אירע פסוקים. אין יאר תשע"ד, די יאר וואס מיר רעדן איבער דעם, איז שבת פרשת שמיני געווען כ"ו ניסן, וואס דאס איז די יארצייט פון מיין זיידע רבי יעקב דוב מארמארשטיין זצ"ל וואס זיין נאמען און זיין מסורה האב איך די זכיה צו טראגן. די זהירות פון מיין זיידן אויף ענטפערן אמן, איז איינגעריצקט סיי אין די עלטער און סיי אין די יאר פון זיין פטירה, ווייל ער איז נפטר געווארן אין עלטער פון צ"א אין יאר תרצ"א. נאר יעצט איז פאר מיר קלאר געווארן אז אויך דער טאג פון זיין פטירה איז פארבינדן מיט ענטפערן אמן. פרשת שמיני, וואס אין געווענליכע יארן געפאלט עס אויס נאנט אדער אין די יארצייט אליין, ענטהאלט אין זיך פונקט צ"א פסוקים. די פאקט אז איך האב זיך אנגעשטויסן אין דעם נאכן זאגן "שנים מקרא" לייגט צו נאך א טיפע דערהער אין דער ענין, ווייל ביים מעביר סדרה זיין פרשת שמיני "שנים מקרא", זאגן מיר קפ"ב פסוקים, אזוי ווי די גימטריה פון דער נאמען 'יעקב', וואס ווי באקאנט איז עס גימטריה צוויי מאל 'אמן'.

איך וועל צולייגן און זאגן אז דער נאמען "עבדיה" וואס באטרעפט 'אמן', און דאס האבן די בעלי מסורה געשריבן פאר א צייכן אויף די צאל פון די פסוקים אין אונזער פרשה, לערנט אונז, אז יעדער וואס וויל זיין א עבד ה' באמת ובתמים - דארף מקפיד זיין צו ענטפערן אמן מיטן גאצן הארץ. און מיט דעם וויל איך מקדיש זיין דעם גליון לזכרו און לעילוי נשמתו פון מיין זיידע וואס איז געווען א 'עבד ה'' אגאנץ לעבן, רבי יעקב דוב ב"ר שמואל מרדכי מארמארשטיין זצ"ל.

**מיט א רוף "עבדו את ה' ביראה"!**

א גוט שבת

יעקב דוב מארמארשטיין


ברכות השחר כהלכה
בקול בכונה בחברותא

## א וועכענטליכע מעשה איבער אמן און תפילה

אין בעפארברייטונג צו די יומא דהילולא פון רבי ר' שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע וואס געפאלט אויס דעם קומענדיגן דינסטאג הבעל"ט, א' אייר, ווערט דא געברענגט א מורא'דיגע ערציילונג וואס שילדערט א וואונדערליכע פאסירונג וואס איז געווען מיטן רבי'ן ר' שמעלקא, אין ליכט פון זיין הקפדה נישט זאגן א ברכה ווען עס איז נישטא איינער וואס ענטפערט אמן.

די ערציילונג שרייבט רבי צבי יחזקאל מיכלזאהן, דער פלונסקער רב ובעל שו"ת 'בית יחזקאל' אין א בריוו צו רבי משה מנחם וואלדען, וואס אזוי ווי זיין פאטער רבי אהרן האט ער ארויסגעגעבן ספרים פון די גדולי התורה והחסידות. די ערציילונג איז געדרוקט אין זיין ספר 'אהל יצחק' (בהערה לאות קעו):

געציילטע טעג נאך יו"ט פסח שנת תקל"ח אין די הייליגע וואוינונג פון הגאון הקדוש ר"ר שמעלקא פון ניקלשבורג זי"ע. דער רבי ליגט מיט א שוואכקייט אין זיין בעט, זיינע אויגן זענען פארמאכט און זיין פנים פלאמט ווי א פייער. ארום אים געפינען זיך זיינע שטוב מענטשן און דערהויבענע תלמידים, ווען זיי קוקן אויף אים מיט אן אויסערגעווענליכן זארג.

עס האט דארט געהערשט א געטליכע אטמאספער.

אין די צייט וואס "נר אלקים טרם יכבה" זענען די אויערן פון די ארומיגע געווען גרייט צו הערן יעדע'ס ווארט. די הייליגע מויל האט נישט אויפגעהערט פון צו מורמלען דברי תורה, ווען אינצווישן הערט מען מוסר ווערטער און הנהגות אויפן לעבן, ווען זיי ווילן נישט דערלייגן אפילו איין הייליגע זאך פון זיינע ווערטער.

אינמיטן האט דער רבי' אויסגעדרייט זיין פנים און געזאגט פאר די ארומיגע:

"איך וויל ענק דערציילן א וואונדערליכן ערציילונג וואס האט פאסירט מיט מיר.

די ערציילונג האט פאסירט פאר אסאך יארן, און זינט זיין פאסירונג האב איך שוין געהאט עטליכע געלעגנהייטן ווען איך האב עס געוואלט אייך דערציילן, אבער איך האב מורא געהאט אפשר וועלן האבן ספקות אין דעם, יעצט ווען איך פיל אז מיין צייט דערנענטערט זיך, וויל איך ענק דערציילן די געשעהעניש אזוי ווי ס'האט פאסירט, כדי ענק זאלן זיך אפלערנען פון דעם אז ווען א מענטש איז זיך מוסר נפש און וויל שטארק מקיים זיין א מצוה, איז ער פארזיכערט אז פון הימל וועט מען צוהעלפן ער זאל קענען אויספירן זיין ווילן".

נאך די הקדמה האט דער רבי ר' שמעלקא פארגעזעצט:

"זיכער ווייסט ענק פון מיין הנהגה נישט צו זאגן א ברכה אויב נעבן מיר שטייט נישט איינער וואס וועט ענטפערן אמן. און נישט איינמאל האב איך ענק ערקלערט, פון יעדע ברכה ווערט באשאפן א מלאך, אבער זיין צורה איז נישט בשלימות נאר מיט ענטפערן 'אמן'.

איינמאל בין איך איינגעלאדנט געווארן דורך א גביר פון איינע פון די שטעטלעך ארום איך זאל זיין 'סנדק' ביי די ברית פון זיין זון. אין דעם באשטימטן טאג האט דער אבי הבן געשיקט צו מיין הויז א וואגן וואס איז געפירט געווארן דורך א אידישער בעל עגלה, אבער זיין שפראך און אויפפירונג האבן עדות געזאגט אז ער איז ווייט פון תורה.



א אידישע געסל אין ניקלשבורג. די בילד איז פון ארום די יאר תר"ס.

אינמיטן וועג, האב איך געדארפט זאגן 'אשר יצר', מיטן אויבערשטנ'ס הילף איז דארט געווען א קוואל וואו איך האב זיך געוואשן די הענט בעפאר די ברכה. אבער ווען איך האב געוואלט זאגן די ברכה מיט די כוונה אז דער בעל עגלה זאל ענטפערן אמן, האב איך פארשטאנען אז עס האנדלט זיך פון א פראסטער יונג, אזוי ווייט, אז מ'קען אים נישט מצרף זיין אויף א דבר שבקדושה.

איך האב נישט געוואוסט וואס צו טון. אלע מיינע יארן האב איך אכטונג געגעבן מיטן גאנצן שטארקייט אויף אט די הנהגה. פון מיין הארץ איז ארויסגעקומען א תפילה איך זאל דאס מאל אויך זוכה זיין מקיים זיין מיין מנהג, עס זאל חלילה נישט באשאפן ווערן א פארקריפלטער מלאך צוליב מיין ברכה.

## — נורא וקדוש —

פלוצלינג האב איך געהערט א גרודער פון צ°יישן די ביימער ארום מיר, כ'האב אויסגעדר°ט מיין קאפ און כ'בין גע°ען איבערראשט צו זען, °י אזוי פון דעם געדיכטן °אלד זענען ארויסגעקומען צוויי מענטשן מיט א מאדנעם און שרעקליכן אויסזען. די מענטשן האבן זיך אוועקגעשטעלט נעבן מיר. נאכן זאגן די ברכה האבן די מענטשן געענטפערט 'אמן' מיט א זעלטנע זיסקייט און ברען. בעפאר איך האב זיך באדאנקט פאר זיי, זענען זיי פארשוואונדן געווארן.

אין לויף פון לאנגע מינוטן בין איך געווען דערשראקן. איך האב פארשטאנען אז צוויי מלאכים זענען געשיקט געווארן פון הימל צו ענטפערן אמן כדי איך זאל אנהאלטן מיין מנהג. עס איז איבריג צו פארצייכענען אז דער פראסטער בעל עגלה האט גארנישט געזען.

דעמאלט איך מיר ארויף געקומען אויף די געדאנק צו טייטשן דעם פסוק אין איוב (כג יג): 'והוא באחד ומי ישיבנו ונפשו אותה ויעש', א פסוק וואס ווערט דערמאנט אין די תפילות פון ראש השנה צוגעלייגט צוויי ווערטער: 'נורא וקדוש', און אזוי האב איך געטייטש:

ווי באקאנט, ענטפערן אמן פארענדיגט וואס דער מברך האב געזאגט, וואס זאל טון דער מענטש וואס מוז זאגן א ברכה ווען ער איז איינער אליינ'ס? אויף דעם ענטפערט דער פסוק: 'והוא באחד' - ווען איינער איז געצווינגען צו זאגן די ברכה ווען ער איז אליין, 'ומי ישיבנו' - און האט נישט ווער עס זאל ענטפערן אמן, איז אויב "ונפשו אותה" אויב ער גלוסט אז זיין ברכה זאל פארענדיגט ווערן מיט א אמן, דעמאלט: 'ויעש - נורא וקדוש' - האט ער די מעגליכקייט צו זוכה זיין מען זאל אים שיקן א מלאך וואס וועט ענטפערן אמן נאך זיין ברכה.

אינמיטן פארן האב איך איינגעדרימלט, און פון הימל איז מיר אנטפלעקט געווארן אין חלום אז די טייטש איז אמת, און געטליכע מלאכים זענען צו מיר געשיקט געווארן צו ענטפערן אמן נאך מיין ברכה".

•

די פאקט אז צוויי מלאכים זענען געקומען ענטפערן אמן נאך די ברכה פון ר"ר שמעלקא, און עס איז נישט גענוג געווען איין מלאך, קען מען ערקלערן לויט די ווערטער פון הרמ"ע מפאנו אין זיין ספר 'עשרה מאמרות' (מאמר חיקור דין ב טו, הובאו דבריו ב'מחצית השקל' או"ח ו ט) וואס שרייבט: "מה טוב שיהיו אצל כל אדם שני רעים - חברים, מקשיבים ועונים אמן אחר ברכותיו".

# שחר אבקשך

## די מעלה פון השכמת בית המדרש און איר גרויסן שכר

### שכר אין עולם הזה און אין עולם הבא

אין די ברייתא פון "אלו דברים", וואס מיר זאגן יעדן אינדערפרי נאך ברכת התורה, רעכענען אויס די חכמים עטליכע מצוות, וואס אויף זיי איז געזאגט געווארן "אדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא". די מצוה פון "השכמת בית המדרש שחרית וערבית" איז אויסגערעכנט צווישן די מצוות.

די טייטש פון דעם איז אז אויפן קומען פרי' אין שול איז דער מענטש זוכה צו שכר אין עולם הזה, אבער די שכר איז נאר בגדר "פירות", ווייל דער הויפט שכר - "הקרן", איז אוועקגעלייגט אויף עולם הבא, דארט באקומט דער מענטש די גאנצע שכר אויף אייביג.

די ספעציעלקייט פון באקומען 'פירות' פון די שכר אין עולם הזה, איז דא נאר ביי די איינצעלנע מצוות וואס די חכמים רעכענען אויס אין די ברייתא, און איז נישט פארהאן ביי אנדערע מצוות, וואס אויף זיי באקומט דער מענטש נאר די שכר אין עולם הבא. אזוי ווי די בעלי התוספות שרייבן אין דער ענין (בבא בתרא י א): "אויף רוב זאכן באקומט נישט דער מענטש די שכר אין עולם הזה, נאר נאכן שטארבן. און אין עולם הזה האט דער מענטש נאר גרויסע מצוות, אזוי ווי מיר האבן געלערנט (קידושין לט ב): "אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא".

### דער וואס איז 'משכים לבית הכנסת' איז מאריך ימים

אין מסכת אבות (ג י) זאגן חכמים: "שינה של שחרית... מוציאה את האדם מן העולם". פון די צווייטע זייט, טרעפן מיר אז דער וואס קומט פרי' צום דאווענען - איז מאריך ימים, אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין גמרא (ברכות ח א) אז ווען מען האט דערציילט פאר רבי יוחנן אז עס זענען פארהאן עלטערע לייט אין בבל, האט ער זיך געוואונדערט, די הבטחה פון די תורה (דברים יא כא): "למען ירבו ימיכם", איז געזאגט געווארן נאר "על האדמה אשר נשבע ה' לאבותיכם" - אין ארץ ישראל? אבער ווען מ'האט אים דערציילט אז זיי קומען פרי' אין שול און גייען אהיים שפעט, האט ער פארשטאנען אז אין דעם זכות האבן זיי זוכה געווען צו אריכות ימים.

> **אלו דברים שאדם אוכל פירותיהם בעולם הזה והקרן קיימת לו לעולם הבא... והשכמת בית המדרש שחרית וערבית**

אויפן 'קהילות יעקב' ווערט דערציילט אז ווען עס איז געקומען צו אים א יונגערמאן אז האט יעצט דערגרייכט צו די יארן פון זיין פאטער וואס איז נפטר געווארן יונג, און ער זארגט זיך זייער ער זאל נישט שטארבן אין די יארן, [אזוי ווי דער מדרש (ב"ר תולדות סה יב) זאגט: "הגיע אדם לפרק אבותיו... ידאג מן המיתה"], האט ער אים געגעבן א עצה לויט די אויבנדערמאנטע גמרא ער זאל מקפיד זיין קומען פרי' אין שול און אהיים גיין שפעט (קונטרס 'מספד גדול' עמ' נד).

### א באווייז אז קומען פרי' אין שול שענקט לעבן

אין 'ילקוט שמעוני' (עקב רמז תתעא) ווערט געברענגט א וואונדערליכער ערציילונג אין דער ענין:

"א פרוי וואס האט זיך זייער געעלטערט איז געקומען צו רבי יוסי בן חלפתא, און זיך אפגערעדט: רבי, איך בין שוין זייער אלט, און איך האלט עס שוין נישט אויס, איך קען נישט עסן און טרינקן, איך וויל שוין נפטר ווערן פון דער וועלט. האט ער איר געזאגט: וואספארא מצוה ביזסטו געוואוינט צו טון יעדן טאג? האט זי אים געזאגט: איך בין געוואוינט, אפילו איך האב א באליבטע זאך, לאז איך עס איבער און איך גיי יעדן טאג פרי' אין שול. האט ער איר געזאגט: האלט אייך אפ דריי טעג פון צו גיין אין שול. זי האט אזוי געטון און אויפן דריטן טאג איז זי קראנק געווארן און איז געשטארבן".

**רבי אליהו הכהן האיתמרי** באמערקט, כאטש וואס לכאורה מצד הדין האט רבי יוסי בן חלפתא נישט געמעגט געבן פאר די פרוי א עצה וואס דורך דעם וועט זי דערנענטערן איר טויט, פונדעסטוועגן האט ער אזוי געטוהן כדי די מענטשן זאלן זען קלאר און אפן אז קומען פרי' אין שול שענקט פארן מענטש אריכות ימים, און דורך דעם וועלן זיי זיך מחזק זיין אין די מצוה. ווייל די חכמים האבן אונז געלערנט (ברכות נד א) אז ווען עס פעלט אויס מעג מען מאכן א איסור מיטן ציל עס זאל ארויסקומען א כבוד שמים, אזוי ווי עס שטייט (תהילים קיט קכו): "עֵת לַעֲשׂוֹת לַה' הֵפֵרוּ תּוֹרָתֶךָ" ('מדרש תלפיות' ערך בית הכנסת).

# רזי אמונים

## רמזים פון די מאה ברכות און פון אמן אין די וואכענדיגע פרשה

### ענטפערן אמן איז ווי מקריב זיין קרבנות

"וְשׁוֹר וָאַיִל לִשְׁלָמִים לִזְבֹּחַ לִפְנֵי ה' וּמִנְחָה בְּלוּלָה בַשָּׁמֶן כִּי הַיּוֹם ה' נִרְאָה אֲלֵיכֶם" (ט ד)

"כִּי הַיּוֹם" איז גימטריה 'אמן'. דער פסוק "כִּי הַיּוֹם ה' נִרְאָה אֲלֵיכם" קומט מרמז זיין אז אויך היינט, ווען די עבודה פון די קרבנות איז בטל, קען מען זוכה זיין צו די בחינה פון "ה' נראה אליכם" וואס די אידן האבן צו דעם זוכה געווען אין די צייט פון בית המקדש, דורך ענטפערן אמן.

'משיבת נפש'

### אין בית המקדש האט מען נישט געענטפערט אמן

"וַיָּבֹא מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן אֶל אֹהֶל מוֹעֵד וַיֵּצְאוּ וַיְבָרֲכוּ אֶת הָעָם וַיֵּרָא כְבוֹד ה' אֶל כָּל הָעָם" (ט כג)

אין מסכת תענית (טז ב) ווערט געברענגט אז אין בית המקדש האט מען נישט געענטפערט אמן נאר "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד". דער טעם ערקלערט **רבי חיים מפרידבורג**, דער ברודער פון מהר"ל מפראג:

ווען די בית המקדש איז געשטאנען אויף איר פלאץ, און די כבוד ה' איז געווען קלאר און אפן פאר יעדן דורך די ניסים וואס זענען דארט געטון געווארן, האט דער 'עונה' זיך צוגעשטעלט צו דער 'מברך' וואס רופט אויס השי"ת'ס קעניגרייך מיטן זאגן "ברוך שם כבוד מלכותו לעולם ועד", ווייל אלע האבן געזען מיט די אייגענע אויגן דעם "כבוד מלכותו". אבער, אין די צייט פון די גלות ווען די כבוד פון ה' איז באהאלטן, דער וואס זאגט די ברכה איז ממליך דעם באשעפער, און דער וואס ענטפערט "אמן" שטימט צו מיט א אמונה אז זיין כבוד וועט טאקע ווי שנעלער אנטפלעקט ווערן.

'אגרת הטיול' חלק הדרש אות ב

# רבי משה מקאברין
## כ"ט ניסן תרי"ח


די שול אין שטאט קאברין וואס איז אין בעלארוס, אזוי ווי עס זעהט אויס היינטיגע צייטן

רבי משה פאלעיר פון קאברין איז געבוירן אין יאר תקמ"ד, אין די שטעטל פעיסק נעבן קאברין וואס איז נאנט צו בריסק, צו זיין פאטער רבי ישראל אליעזר. אין זיין יונגט האט ער געלערנט תורה פון רבי משה פון שערשוב און שפעטער האט ער זיך באהאפטן צו האדמו"ר רבי מרדכי פון לעכאוויטש. נאך די הסתלקות פון זיין רבי איז ער געבליבן ביי זיין זון האדמו"ר רבי נח פון לעכאוויטש.

נאך די פטירה פון רבי נח פון לעכאוויטש, האבן די חסידים אים געקרוינט צו זיין זייער רבי און מנהיג, און האט אויפגעשטעלט זיין בית המדרש אין קאברין. ער האט אסאך געטון פארן ארץ ישראל'דיגן ישוב, און האט אויך געדינט אלץ נשיא פון די ארץ ישראל'דיגע צדקה קאסע פון כולל רייסין. א גרופע פון זיינע חסידים זענען ארויף מיט זיין שטופ זיך באזעצן אין טבריה, און האבן אויך געבויעט דארט א שול.

ער האט פארגעזעצט די וועג פון זיינע רבי'ס אין עבודת התפילה. ער האט געזאגט אז ווען איינער זאגט א ברכה, דארף ער זאגן די ערשטע ווארט "ברוך", מיט אזא ברען, אז ער זאל נישט האבן קיין כח צו זאגן די קומענדיגע ווארט "אתה" ('אמרות' משה' תפילה).

ער איז געווען באקאנט מיט זיין ענוה, און אויף זיין מצבה איז געשריבן געווארן ווערטער פון זיין צוואה: "כל איש אשר יעיז לדבר עלי בתוארי הפלגה אקום ואטור בו בזה ובבא, אבל מותר לכל אחד להגיד עלי שהייתי אוהב ישראל".

ער איז נסתלק געווארן כ"ט ניסן תרי"ח און ער ליגט אין קאברין. געציילטע מינוטן בעפאר זיין הסתלקות האט מען אים געהערט שעפשען די ברכה "אלוקי נשמה". זיינע דברי תורה איז געדרוקט געווארן אין א ספר מיטן נאמען 'אמרות משה'.

## איין אמן ווי עס דארף צו זיין

אין דער טאג וואס האדמ"ר רבי משה פון קאברין האט דערגרייכט צו די עלטער פון זיבציג יאר, האבן זיינע תלמידים צוגעגרייט לכבוד דעם א סעודה. בעפאר די ענדע פון די סעודה איז דער קאברינער אריינגעקומען און געזאגט: "אויב וואלט איך געוואוסט אז אין מיין גאנצן לעבן האב איך געענטפערט איין אמן אזוי ווי עס דארף צו זיין, דערמאלטס וואלט אלעס ווערד געווען". און אין א אנדערע געלעגנהייט האט ער געזאגט: "וואלט איך געוואוסט אז אין מיין גאנצן לעבן האב איך געענטפערט איין אמן ווי עס דארף צו זיין, וואלט איך אינגאנצן נישט געזארגט" ('אמרות משה' [ב"ב תשע"ו] ח"א עמ' קצב-קצג).

## ענטפערן אמן מיט אמונה ברענגט די ישועה

איינער פון די קאברינער חסידים האט געוואלט אריינגין צום רבי'ן און זיך אויסשמועסן וואס עס דרוקט אים אויפן הארצן און באקומען א ברכה. האט דער רבי אים געזאגט ער זאל קומען אין די צייט פון עסן. ווען ער איז געקומען האט דער חסיד געהערט ווי דער רבי זאגט די ברכות: "בורא מיני מזונות", "שהכל נהיה בדברו", און ער האט געענטפערט אמן. האט דער רבי אים געזאגט: "דו האסט געהערט מיינע ברכות און דו האסט געענטפערט נאך זיי אמן וואס באדייט אמונה אין די הנהגה פון השי"ת אין זיין וועלט, האסט נאך וואס צו צולייגן?" און אזוי איז געווען, די אמונה וואס איז איינגעווארצלט אין זיין הארץ נאכן הערן די ברכות פון זיין רבי און ענטפערן אמן נאך זיי, האט צוגעברענגט ער זאל נישט וועלן זאגן וואס ער האט געטראכט צו זאגן, און האט מער נישט געבעטן נאר אז שטענדיג זאל ער האבן אמונה (שם ח"א עמ' קד).

## דערלייגט נישט די ברכה

יעדן אינדערפרי האבן אייך א אומשאצבארע געלעגנהייט. אויב איר וועט קומען פרי אין שול און ענטפערט אמן אויף די ברכות השחר פון די מתפללים, וועט איר קענען זוכה זיין צו אסאך אמן'ס. צענדליגער טויזנטער דיאמאנטן פון אמן וואלגערן זיך אינדערפרי אין שול, און איר קענט זיי צוזאנעמען. געדענק! יעדע ענטפערן אמן לויט די הלכה גייט ארויף ביזן הימל און עפנט פאר אייך די טויערן:

### טויערן פון תפילה
"אין זכות פון ענטפערן אמן ווערט די תפילה אנענומען" (זוה"ק וילך רפח ב).

### טויערן פון ישועה
"הקב"ה שטראפט די שונאי ישראל אין זכות פון די מענטשן וואס ענטפערן אמן אינדערפרי" (תנד"א רבא יא).

### טויערן פון חיים טובים
"דער וואס ענטפערט אמן ווי עס דארף צו זיין איז זוכה צו א גוטע אריכות ימים ושנים" (ירושלמי ברכות ח)




## דו האסט די מעגליכקייט צו טוהן א ריכטיגע רעוואלוציע

מיט דעם וואס דו וועסט קומען פרי אין שול און דו וועסט מעורר זיין אנדערע זיי זאלן זאגן די ברכות פאר דיר, וועסטו צוברענגען א רעוואלוציע פון קדושה וואס וועט משפיע זיין אויף אלע מתפללים ארום דיר.

## עס איז די צייט צו טוהן

זאלסט נישט חלילה גרינשעצן אין די כח פון ענטפערן אמן. קום פרי אין שול, ענטפער אמן נאך די ברכות השחר פון די מתפללים און עפן פאר זיי אלע טויערן.